# עונג שבת

## פרשת מטות מסעי תשס"ו

גוט שבת אלע אידן. ר' יצחק פלאר ע"ה (זיין עכטע נאמען) איז געווען א איד וואס איז זוכה געווען צו האבן א נאנטע שייכות מיט ר' שרגא פייוועל מענדעלאוויץ, ז"ל. ר' יצחק איז געווען א גרויסער ירא שמים און זיין אהבת תורה און דקדוק במצוות איז געווען גוט באקאנט. אסאך מאל אין זיין לעבען האט ער זיך מטריח געווען גרויסע טרחות כדי צו מקיים זיין א מצוה. די פאלגענדע מעשה ווייזט אויף א מורא'דיגע אופן ווי ווייט ר' יצחק איז געגאנגען צו מקיים זיין א מצוה.

ר' יצחק איז געווען אן אתרוג סוחר. און ער פלעגט אריינברענגען אתרוגים פון איטליה. אסאך מאל האט ער געדארפט פארן קיין איטליה צו אכטונג געבן אויף דעם אתרוג שניידן. בכלל ווען ר' יצחק פלעגט פארן, פלעגט ער מיטנעמען זיין טלית און תפילין אויפ'ן עראפלאן, און נישט אוועקפאקן די תפילין אין זיין רענצל וואס מען לייגט אונטען אין עראפלאן.

איינמאל, איז ר' יצחק געווען אויפן וועג אהיים פון איטליה קיין אמעריקא. ר' יצחק איז ארויפגעגאנגען אויף דעם עראפלאן אינדערפרי, און ער האט געפלאנט צו דאווענען שחרית אויפ'ן עראפלאן. ער האט זיך אוועקגעזעצט און נאכדעם האט ער ערלעדיגט זיינע זאכן. פלוצלינג האט ער באמערקט אז ער האט ליידער פארגעסן זיינע תפילין אין זיין רענצל וואס זיי האבן שוין אוועקגעפאקט אינטען אין עראפלאן. עס איז געווען א גרויסע צער פאר ר' יצחק אז ער וועט דארפן דאווענען אנע טלית און תפילין. ער איז געווען דער איינציגסטער איד אויפ'ן עראפלאן, וועגן דעם האט ער נישט געקענט בעטן תפילין פון א צווייטן. איין מחשבה האט אים אביסל מנוחה געגעבן: דער עראפלאן האט געדארפט אנקומען קיין ניו יארק ווען עס וועט זיין נאך טאג. אז אפילו ער וועט נישט קענען דאווענען מיט זיין תפילין, וועט ער קענען כאטש לייגן תפילין אינדערהיים אין דעם זעלבען טאג. די מחשבה האט אים געגעבן אביסל מנוחת הנפש.

א שטיק צייט שפעטער, האט ר' יצחק געהערט א קול פונעם ספיקער, זאגענדיק, "מיינע דאמע און הערן... מיר דארפן מאכן יעצט אן עמערדזשענסי לענדינג אין דעם לאנד פארטוגאל וועגן פראבלעמען מיט דעם עראפלאן. ביטע בלייבט אלע שטיל אין אייערע פלעצער. מיר גייען באלד לאנדען."

עס איז געווארן א גרויסע איבערקערניש אויפ'ן עראפלאן, און די באדינערס האבן פרובירט צו בארוהיגן דעם עולם. ר' יצחק האט געטראכט וועגן זיינע תפילין. אפשר דאך וועט ער קענען דאווענען מיט זיינע תפילין.

דער עראפלאן האט געלאנדעט אין פארטוגאל און יעדער איינער איז אראפגעגאנגען. זיי האבן אויסגערופן אז דער עולם מוז ווארטן אפאר שעה ביז דער עראפלאן וועט זיין גרייט צו פארן ווייטער. ר' יצחק איז געווארן אביסל נערוועיס ווייל ער האט גערעכנט אז זיי וועלן נישט אהיימקומען קיין ניו יארק ביז עס וועט שוין זיין נאכט. און דעמאלט וועט ער שוין נישט קענען לייגן קיין תפילין. ער האט געטראכט אפאר סעקונדעס... אפשר וועט ער קענען פארשאפן זיינע תפילין פון אונטער דעם עראפלאן? ער איז גלייך געגאנגען צום טיקעט קאנטער און ער האט זיך אינטערעסירט אויב ער וועט קענען באקומען זיינע תפילין. דער מענטש האט געענטפערט ר' יצחק אז עס איז נישט מעגליך ארויסצונעמען די תפילין ווייל זיי האבן שוין געשיקט זיינע רענצלעך מיט אלע אנדערע רענצלעך אויף אן אנדערן עראפלאן וואס איז שוין געווען אויפ'ן וועג קיין ניו יארק.

ר' יצחק האט נישט געוואוסט וואס צו טון. וואו וועט ער קענען טרעפן תפילין אין א פרעמדען לאנד פארטוגאל? עס זענען נישט דארט קיין אידן אין יענעם לאנד, פון זייט די גוים ימ"ש האבן פאטריבען די אידן פון דארט בערך 500 יאר צוריק. עס האט אויסגעזען אז ער וועט נישט קענען מקיים זיין די מצוה פון תפילין. ר' יצחק איז געווארן אויס מענטש.

פלוצלינג איז אים איינגעפאלן אן עצה. ער וועט זוכן אן אנדערע פליעט וואס פארט קיין ניו יארק. ער וועט רופן א חבר שוין יעצט, כדי דער חבר וועט אים ברענגען תפילין צו דעם עירפארט אין ניו יארק, כדי ער זאל קענען אריינכאפן די מצוה פאר עס ווערט נאכט. מיט דעם פלאן אין קאפ איז ער ארומגעגאנגען אין דעם גאנצען עירפארט פרעגענדיק יעדען עירליין וועגן א פליעט קיין ניו יארק. ליידער איז זיין פלאן נישט געלונגען ווייל יעדע פליעט וועט אנקומען ביי נאכט ווען עס וועט זיין שוין צו שפעט.

עס איז אים איינגעפאלן אן אנדערע עצה, ער וועט כאפן א פליעט וואס פארט קיין לאנדאן. אינצווישן איז ער געגאנגען טוישן אביסל געלט ווייל ער האט געדארפט רופן זיין חבר אין לאנדאן. ר' יצחק האט מסביר געווען דעם פראבלעם פאר זיין חבר. און ער האט אפגעמאכט מיט זיין חבר אים צו טרעפן אין עירפארט אין לאנדאן מיט א פאר תפילין. דארטן וועט ער לייגן תפילין און נאכדעם וועט ער קענען פארן ווייטער קיין ניו יארק.

באלד דערנאך איז ער געגאנגען ערלעדיגן דעם טיקעט. דער גוי ביי דעם קאנטער איז געווארן זייער צומישט ווייל ער האט נישט פארשטאנען פארוואס ר' יצחק האט געוואלט פארן אויף א גרויסע עיקוף קיין לאנדאן אנשטאט פארן גלייך קיין ניו יארק. ווי קען מען אבער דאס מסביר זיין פאר א גוי? דער גוי האט אנגעווארענט ר' יצחק אז דער טיקעט גייט זיין גאר טייער. "עס גייט מיך נישט אן, איך דארף אנקומען קיין לאנדאן נאך ביי טאג... וויפיל איז דעם טיקעט?" האט ר' יצחק געזאגט. "אכט הונדערט דאלאר..." איז געווען די תשובה. (די מעשה איז געשען עטליכע יארן צוריק ווען אכט הונדערט דאלאר איז געווען נאך א גרעסערע סכום געלט ווי היינט.) ר' יצחק האט נישט געטראכט אפילו פאר איין סעקונדע. ער האט ארויסגענומען דעם געלט און ער האט עס געלייגט אויפן קאנטער מיט א גרויסן שמחה. עטליכע שעות שפעטער איז ער אנגעקומען קיין לאנדאן. זיין חבר האט אים געטראפן אין עירפארט און ר' יצחק האט געקענט מקיים זיין דעם מצוה פון תפילין! ר' יצחק האט געדאנקט דעם רבונו של עולם אז ער האט געקענט מקיים זיין די מצוה פון "ואהבת את ה' אלקיך... ובכל מאדך." ער האט זיך געפריידט מיט אן אמת'ע שמחה פון "פקודי ה' ישרים משמחי לב."

מיר ליינען אביסל וועגן דעם ענין אין די וואכעדיגע סדרה. "אלה מסעי..." זאגט רש"י: "...משל למלך שהיה בנו חולה, והוליכו למקום רחוק לרפאותו, כיון שהיו חוזרין, התחיל אביו מונה כל המסעות, אמר לו, כאן ישננו, כאן הוקרנו, כאן חששת את ראשך וכו'" (במ"ר כג, ג) פון דא קען מען אפשר זאגן אז די גאנצע גלות איז נאר א תיקון פאר די אידן. אזוי ווי דער הייליגער מאור עינים זי"ע איז מסביר אז ווען א איד טרעפט זיך אין א פלאץ, זאל ער וויסן אז ער איז דארט ווייל ער דארף מעלה זיין די ניצוצות פון יענע פלאץ דורך עסן דארט און טון מצוות דארט. אזוי ווי מען זעט אין אונזערע מעשה ווי ר' יצחק האט געדארפט זיין אין פארטוגאל, א לאנד וואס לכאורה האט נישט געהאט קיין פרומע אידן אין זיך אויף א קביעות'דיגע אופן בערך 500 יאר!

למעשה, קענען מיר ארויסנעמען פון דא א מוסר השכל וואס איז שייך אין אונזערע טאג טעגליכע לעבן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן קענען זיך דרייען צווישן היימישע אידן ווי מער עס איז שייך. אבער אמאל קומט אויס אז מען דארף פארן ערגעץ צו ערלעדיגען עפעס. דעמאלט זאלן מיר געדענקן די מעשה פון ר' יצחק ווי ער האט נישט געמאכט קיין פשרות אין אידישקייט און אויך זאלן מיר געדענקען די הייליגע ווערטער פון דעם מאור עינים זי"ע, אז אונזער תפקיד אין די גלות איז צו מעלה זיין אלע ניצוצות פון קדושה וועלכע געפינען זיך אין אלע עקן וועלט. עס איז נאכמער שייך צו רעדן וועגן די זאכן אין די טעג וואס מיר טון אסאך מער טראכטן פון בנין בית המקדש. דורך מקיים זיין די אלע ענינים וואס מיר האבן דורכגעשמועסט, קענען מיר טאקע צוברענגען דעם בנין בית המקדש במהרה בימינו, און מיר קענען אלע זוכה זיין צו די ווערטער פון דעם נביא: "והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האבדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים והשתחוו לה' בהר הקדש בירושלים." (ישעיה כז, יג) **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לידידי החתן מרדכי גרויס הי"ו לרגל שמחת אירוסיו בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, רחל בת פייגא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**